**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/3/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 2 מיליאן דאלארדיגע פארברייטערונג פון CUNY אפרענטיסשיפ פארשלאגן

***אפרענטיסשיפ פראגראמען וועלן זיך טריפלען און אנהויבן ביי אלע 10 CUNY קאלעדזשעס וואס שטעלן צו אסאשיעט דעגריס אין צוזאמענארבעט מיט די ניו יארק דזשאבס CEO קאונסיל***

***סטודענטן אין די אפרענטיסשיפ פראגראם וועלן ווערן באצאלט, פארדינען קורס קרעדיט און באקומען פראקטישע ארבעט ערפארונג***

גאווערנאר קעטי האקול האט היינט געמאלדן א 2 מיליאן דאלערדיגע סטעיט אינוועסטירונג צו צולייגן 12 אפרענטיסשיפ פראגראמען ביי די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק פאר איר אסאשיעט דעגריס אנגעהויבן אין די פרילינג 2023 סעמעסטער, א גרויסע פארברייטערונג פון CUNY'ס פארשלאג פאר פאר-קרעדיט אפרענטיסשיפס אין הויכע-פארלאנג אינדוסטריעס. די צוגאבעס בויען אויף די פינף עקזיסטירנדע אפרענטיסשיפ פראגראמען איינגעפירט אין CUNY אסאשיעט דעגרי פראגראמען אין סאפטוועיר ענדזשינירונג, קאנסולטינג, פינאנץ, ריזיקע מענעדזשמענט און סייבער זיכערהייט.

"אפרענטיסשיפס זענען א קריטישע אנהויב שטאפל פאר גוט-באצאלטע, איינפלוסרייכע קאריערס און מיר זענען שטאלץ צו בויען א פעסטע פראגראם פאר CUNY סטודענטן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די צוגאבע פון 2 מיליאן דאלער אינוועסטירונג, קענען מיר פארברייטערן אפרענטיסשיפ פראגראמען פאר אסאשיעט דעגרי פראגראמען און עפענען נייע געלעגנהייטן פאר ניו יארקער דורכאויס די סטעיט."

נייע אפרענטיסשיפ פארשלאגן וועלן זיך אנהויבן ביי[אלע 10 CUNY קאלעדזשעס וואס שטעלן צו אסאשיעט דעגריס](); אין צוגאב צו די זיבן[CUNY קאמיוניטי קאלעדזשעס](), ווערן צוויי-יאר דעגריס צוגעשטעלט ביי קאלעדזש אוו סטאטען איילענד, מעדזשער עווערס קאלעדזש און ניו יאָרק סיטי קאלעדזש אוו טעקנאלאדזשי. ארבעטסגעבער וואס האלטן די אפרענטיסשיפס וועלן באצאלן סטודענטן, און די סטודענטן וועלן פארדינען נייו קורס קרעדיטס.

**סיטי אוניווערסיטעט אוו ניו יארק טשענסלאר פעליקס וו. מאטאס ראדריגעז האט געזאגט**, "אפרענטיסשיפס זענען שטענדיג געווען אן אויסגעצייכנטע וועג פאר יונגע מענטשן צו אריינקומען אין פעלדער, צושטעלנדיג זיי פראקטישע ארבעט ביז וואן זיי זענען גרייט צו טון די ארבעט אליין. סטודענטן דארפן ערפארונג און פארבינדונגען צום ארבעטספלאץ אויסערן קלאסצימער מער ווי שטענדיג כדי זיי זאלן האבן קלארע וועגן צו קאריערעס ווען זייער עדיוקעישאן ענדיגט זיך. איך בין דאנקבאר צו גאווערנאר האקול פארן אינוועסטירן אין אונזערע סטודענטן, און מיר געבן אונזער טיפע דאנק פאר די ארבעטסגעבער וואס נעמען אריין אונזערע סטודענטן אין צוויי-יאר דעגרי פראגראמען צו הויכע-פארלאנג דזשאבס אין זייערע אפיסעס בשעת מיר ארבעטן צוזאמען צו שטארקן אונזער ארבעטסקראפט."

סטודענטן וועלן געשטעלט ווערן אין פירמעס ווי JPMorgan Chase, EY, Citi, American Express, Deloitte, AIG, Mastercard און Wells Fargo, וואס זענען אלע טייל פון די ניו יארק דזשאבס CEO קאונסיל. די דזשאבס קאונסיל אין א קאאליציע פון CEO'ס פון טייל פון די סיטי'ס גרעסטע ארבעטסגעבער מיטן ציל פון געבן ארבעט פאר 100,000 נידריגע אינקאם און פארשידנארטיגע ניו יארקער - אריינגערעכנט CUNY 25,000 סטודענטן און גראדואירטע - ביז די ענדע פונעם יאר-צענדליג.

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס האט געזאגט**, "אלס א גראדואירטער פון CUNY, ווייס איך וויפיל געלעגנהייטן די אינסטיטוציע שטעלט צו פאר ניו יארקער. אפרענטיסשיפ פראגראמען שטעלן צו פאר סטודענטן עכטע-וועלט סקילס און ערפארונגען וואס העלפן זיי אנטוויקלען אינטערעסן און לייגט זיי אויפן וועג צו א ליכטיגערע צוקונפט. מיט גאווערנער האקול'ס 2 מיליאן דאלער אינוועסטירונג אין CUNY'ס אפרענטיסשיפ פראגראם, וועלן אלע סטודענטן, ספעציעל אונזערע שווארצע און ברוינע סטודענטן, האבן מער געלעגנהייטן צו טרעפן גוט-באצאלטע פאסטנס אין פינאנץ, טעכנאלאגיע, און אנדערע פעלדער."

**ניו יארק דזשאבס CEO קאונסיל עקזעקיוטיוו דירעקטאר קיערסטען בארנעט האט געזאגט**, "די פראגראמען זענען גאר באדייטפול סיי פאר סטודענטן און סיי פאר ארבעטסגעבער. סטודענטן באקומען ארבעטס-באזירטע לערנען געלעגנהייטן וואס ווערן געדאפלט אלס דירעקטע וועגן צו קאנקורירנדע ערשטע-שטאפל ראלעס. ארבעטסגעבער באקומען צוטריט צו א ברייטערע אויסוואל פון טאלאנטפולע מענטשן וואס שפיגלט אפ די רייכע פארשידנארטיגקייט פון אונזער סיטי."

**בארא אוו מאנהאטען קאמיוניטי קאלעדזש סטודענט בענזשאמין אבראהאם** - וואס האט שוין אנטיילגענומען אין אן אפרענטיסשיפ ביי די פראפעסיאנאלע סערוויסעס פירמע EY - האט געזאגט, "די נעטווארקינג איז געווען זייער בייהילפיג, וואו מיר קענען בלויז צוגיין צו א מענטש אין די קארידארן און זיי פרעגן וועגן זייערע סערוויס ליניעס, וועגן די ארבעט וואס זיי טוען. אריינקומען אין אזא גרויסע פירמע שפירט זיך ווי א ריזיגע בארג ארויפצוקריכן, אבער דאס איז געווען א גלאטע ערפארונג מיט א צוגענגליכע טיעם."

אבראהאם און זיינע אנדערע אפרענטיסעס ביי EY זיצן נעבן פראגראם פאסיליטירער דורכאויס די פיר טעג פון די וואך וואס זיי זענען אויפן פלאץ. אין צוגאב צו ווערן געשטעלט אויף ספעציפישע טיעמס, ווערן די אפרענטיסעס באזוכט דורך רעדנער געסט כאטש איין מאל א וואך; די הויפט פירער וואס באזוכן זיי רעדן וועגן ווי אזוי זיי האבן געמאכט פארשריט אין זייערע אייגענע קאריערס און רעדן וועגן זייערע אינדוסטריעס.

**EY מעטרא ניו יארק אפיס מענעדזשינג פארטנער אליסיע סטיינמאן האט געזאגט**, "אלס א גרויסע ניו יארקער ארבעטסגעבער, האט אריינגעמען קאלעדזש אפרענטיסשיפס געעפנט אונזערע אויגן, צווינגענדיג אונז צו צווייפלען אין אונזערע יעצטיגע אויפנאם סטאנדארטן און פרעגן פארוואס, אויף געוויסע שטעלעס, פאדערן מיר א פיר-יאר קאלעדזש דעגרי. אין אונזער שנעל-טוישנדע וועלט, מוזן מיר זיך שנעל אדאפטירן צו נייע טעכנאלאגיע, און מיר דארפן אויך ברענגען דעם געדאנקענגאנג צו אויפנעמען מענטשן. מיטן פארברייטערן אונזער אויפנאם פייפליין צו אריינגענעמען געשולטע סטודענטן פון CUNY שולעס, האבן מיר געקענט האבן צוטריט צו א ברייטערע און מער פארשידנארטיגע מאנשאפט וואס, צו זיין אויפריכטיג, האט איבערגעשטיגן אונזערע ערווארטונגען."

די פארברייטערונג וועט שאפן אפרענטיסשיפס פאר הונדערטער סטודענטן. רוב פון זיי זענען אין אסאשיעט פון אפלייד סייענס (associate of applied science, AAS) דעגרי פראגראמען, צוויי-יאר פראגראמען וואס זענען געמאכט צו צוגרייטן סטודענטן צו דירעקט אריינגיין אין א קאריערע נאכן

גראַדואירן, אין פאַרגלייך צו די מער פונדאַמענטאַלע אַסאָשיעט דעגרי וואָס פלעגט מער טראַדיציאַנאַל פירן סטודענטן צו טראַנספערירן צו אַ באַטשעלאַר'ס דעגרי פּראָגראַם.

CUNY האָט פּריאָריטיזירט די פאַרברייטערונג פון אַרבעטסקראַפט אַנטוויקלונג איניציאַטיוון פאַר אירע סטודענטן און גראַדואירטע. אַזעלכע באַמיאונגען נעמען אַריין הייבן פּובליק-פּריוואַטע פּאַרטנערשיפּס מיט אַ 16 מיליאָן דאָלאַר אינוועסטירונג אין די CUNY אינקלוסיוו עקאָנאָמיע איניציאַטיוו; טרענירן סטודענטן פאַר פינאַנציעלע קאַריערס דורך CUNY פיוטשורס אין פינאַנץ; און פּלאַצירן סטודענטן אין פּובליק סעקטאָר און נאָן-פּראָפיט דזשאַבס דורכאויס דעם זומער דורךCUNY קאַריער לאָונטש. טשאַנסלער מאַטאָס ראָדריגעז דינט יעצט אַלס דער קאָ-טשעיר פון די סיטי'ס צוקונפט פון אַרבעטערס טעסק פאָרס, וואָס איז אנגעהויבן געוואָרן דורך מעיאָר עדעמס צו אויסטרעפן וועגן צו בויען דעם אַרבעטסקראַפט, אַריינגערעכנט פאַרברייטערן אַפּרענטיסשיפּ געלעגנהייטן.

###

נאָך נייעס קען מען באַקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יאָרק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאַמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אַרויסשרייבן